ווינטער אין יאָר 1941 האָבן שוין די דייטשן געהערשט אין די באַלטישע לענדער, ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע. בלויז אַ שטרעקע וואַסער — דער פינישער ים־אויסגוס, וואָס איז אין געוויסע ערטער נישט מער ווי צען מייל ברייט — האָט אָפּגעטיילט פינלאַנד פון עסטאָניע. פינלאַנד און שוועדן זיינען געווען „ניטראַל" און האָבן נישט אָנטייל גענומען אין דער מלחמה, אָבער די אידן אין די דאָזיקע לענדער, וויסנדיק ווי אַזוי די דייטשע מערדער האָבן זיך פאַרלייגט צו אויסמאָרדן די אידן אונטער זייער הערשאַפט, האָבן איבערגעלעבט טויט־שרעק, זייענדיק אַזוי נאָענט צו די פון־די־דייטשן־אָקופּירטע באַלטישע לענדער.

יצחק איז געווען אַ בחור'ל אין בר־מצוה־עלטער, ווען זיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די פינישע הויפּטשטאָט העלסינקי, און זוכן אַ מקום־מקלט אין אַמעריקע.

יצחק'ס פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער סוחר און כלל־טוער אין פינלאַנד. זינט עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און געציילטע אידישע פליטים האָבן גענומען אָנקומען אין העלסינקי, האָט ער זיך פאַרנומען מיט הצלת־נפשות. די אידישע פליטים זיינען געקומען אין שיפן און שיפלעך, אָן דאָקומענטן און בעירום ובחוסר כל. יצחק'ס פאָטער האָט געשטורעמט אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און געפאָדערט, אַז דאָס פינישע פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ טראַדיציע פון פרייהייט און מענטשן־פריינטלעכקייט, זאָל אַריינלאָזן די אידישע פליטים, וועלכע האָבן זיך קוים מיט לעבן געראַטעוועט פון די דייטשע נעגל. און נאָכדעם ווי עס איז אים געלונגען צו באַקומען פאַר זיי די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין פינלאַנד, האָט מען ערשט געדאַרפט שאַפן די פינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטן זיי מיט שפייז, קליידונג און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דער ווינטער פון 1941 האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן. דער באַלטישער ים און פינישער אויסגוס זיינען געווען פאַרפרוירן און די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן דעם סקאַנדינאַווישן האַלב־אינזל פון אייראָפּעיאישן קאָנטינענט. קיין נייע אידישע פליטים זיינען שוין מער ניט געקומען אין פינלאַנד. יצחק'ס פאָטער האָט באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן זיך, זיין פרוי און זייערע צוויי קינדער, אַ טאָכטער און אַ זון. ער האָט באַקומען אַמעריקאַנער וויזעס פאַר זיין משפחה און כ"ד אדר (מערץ 26) זיינען זיי געקומען אין פעטסאַמאָ, אַ האַפן־שטאָט אין צפון־פינלאַנד, לעבן מורמאַנסק. דאָ האָבן זיי זיך געזעצט אויף אַ פינישער שיף „קאַראָלינאַ טהאָרדען", וואָס האָט זיי געזאָלט ברענגען אין אַמעריקע אין אַ 12 טעג. ניט קוקנדיק וואָס פעטסאַמאָ, ווי מורמאַנסק, געפינען זיך נאָענט צום קאַלטן אַרקטישן ים, זיינען אָבער די האַפנס געווען אָפן פאַר אַ שיפן־פאַרקער אַ גאַנץ יאָר, אַ דאַנק דער ווירקונג פון „גאָלף־שטראָם", וואָס האָט געבראַכט וואַרעמע וואַסער און לופט אין דעם צפון־אַטלאַנטישן אָקעאַן.

יצחק'ס פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר. במשך פון די פיל יאָרן, ווען די הצלחה האָט געשיינט און די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ היפּשן פאַרמעגן, וואָס עס איז אים איצט געלונגען מיטצונעמען מיט זיך.

די שיף איז געווען הויפּטזעכלעך אַ פראַכט־שיף, נאָר האָט אויך געפירט אַ צאָל פּאַסאַזשירן. יצחק'ס משפחה איז געווען די איינציקע אידישע משפחה צווישן די 69 פּאַסאַזשירן — ס'רוב פינישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען געפאָרן באַזעצן זיך אין אַמעריקע.

ב.

פאַר יצחק'ן איז דאָס געווען די ערשטע רייזע איבערן ים, און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּחאינדערן פון די מעכטיקע וועלן באַדעקט מיט שוים, וועלכע האָבן געוויגט די שיף ווי אַ וויגעלע, אַרויף און אַראָפּ און פון זייט צו זייט. דערביי האָט די שיף אָפט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ, ווי זי וואָלט באַדויערט איר הילפלאָזיקייט אין דעם שטורמישן, ברוגז'דיקן אָקעאַן.

ווי יונג יצחק איז געווען, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז אויך דאָס לעבן פון אַ מענטש איז ווי אַ שיף אין אַ שטורמישן ים.

ווען ער האָט נאָר געהאַט פרייע צייט — צווישן די שטונדן וואָס ער האָט פאַרבראַכט

מיט זיין פאטער אין תורה־לערנען — האט זיך יצחק ארויפגעכאפט אויפן אויבערשטן דעק פון דער שיף, אדער איז ארויף אויף דעם קאפיטאנ׳ס „בריק״. פון דארט האט ער געהאט אן אומבאגרענעצטן בליק ארום און ארום, און ער איז ניט מיד געווארן פונעם פרעכטיקן בילד. ספעציעל האט יצחק באוואונדערט די „פיארדן״ פון דעם נארוועגישן ברעג, וואו דער ים האט זיך אריינגעשניטן צווישן די הויכע בערג און פעלזן, און דער גאנצער ברעג האט אויסגעזען ווי א ריזיקע קאם מיט שארפע ציינער, וועלכע שטארצן ארויס אין די וואסערן. די ריזיקע וועלן ווארפן זיך אויף די פעלזן מיט אימפעט און גערויש און פאלן צוריק אין אנמאכט, צעקלאפט און פארוואנדלט אין א פארע, אבער באלד נעמען זיי זיך ווידער ווארפן אויף די פעלזן, אין אן אומאויפהערלעכן קאמף צווישן ים און יבשה.

אזוי זיינען אדורך די ערשטע צוויי טעג, אין אויפן דריטן טאג איז שוין די שיף פארבייגעפארן דעם נארוועגישן ברעג און איז אריין אין די ברייטע אפענע וואסערן פון צפון־אטלאנטישן אקעאן.

פארנאכט־צו איז יצחק ארויף אויפן „בריק״ פון דער שיף. ער האט געוואלט זען ווי די זון פארגייט הינטערן האריזאנט, דארט וואו הימל און ערד קומען זיך צוזאמען. אויפן בריק לעבן אים איז געשטאנען א פינישער פארמער, וועלכער האט אויך, ווייזט אויס, געהאט דעם זעלבן געדאנק. דער הימל איז אבער געווען באדעקט מיט געדיכטע וואלקנס און די זון האט זיך ניט באוויזן. ארום און ארום איז געווען וואסער. קיין שיף האט זיך נים געזען; ס׳איז געווען מלחמה־צייט און די ים־וועגן זיינען געווען פארלאזן. ערגעץ וואו האבן זיכער געלויערט דייטשע אונטערוואסער־שיפן, וועלכע האבן געזונקען יעדע שיף פון זייערע קעגנער אדער פון לענדער פריינטלעך צו זייערע קעגנער. די דייטשן האבן געשאפן א פולשטענדיקע בלאקאדע און האבן זיך ניט גערעכנט אויך מיט „נייטראלע״ שיפן.

עס איז געווארן טונקעלער. און יצחק האט זיך געכאפט, אז ער האט נאך ניט געדאוונט מנחה. ער האט איבערגעלאזן דעם פינישן פארמער אויפן בריק, און איז אראפ אונטן אין זיין קאבינע און האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

ג.

יצחק האט קוים פארענדיקט שמונה־עשרה, ווען עס האט זיך פלוצלונג דערהערט א הילכיקער טראך־טא־ראַ־ראך איבער אויפן דעק, און באלד עטלעכע אויפרייסן, געשרייען, א ליפערי, א געוואלדיקער טומל...

יצחק האט נאך אין ערשטן מאמענט ניט באגריפן וואס דא איז פארגעקומען. ער האט אבער געוואוסט, אז ער דארף כאפן און אנטאן זיין רעטונגס־העמד און ארויפלויפן אויפן דעק.

ערשט שפעטער האט זיך יצחק דערוואוסט, וואס עס האט פאסירט. מ׳האט געזאגט, אז דער קאפיטאן האט געמאכט א פאטאלן טעות און איז אריינגעפארן אין ענגלישע וואסערן, און אפשר האט דער שטורמישער ווינט פארטראגן די שיף אהין. יעדנפאלס, האט פלוצלונג אויפגעטויכט א דייטשער קריגס־עראפלאן פון די וואלקנס און האט גענומען באשיסן די שיף און ווארפן באמבעס. די ערשטע זאך איז דער בריק אויפגעריסן געווארן און איז אוועק מיטן רויך. דער פינישער פארמער, וועלכער איז געשטאנען אויפן בריק לעבן יצחקן, איז געווען דער ערשטער קרבן. ווען יצחק וואלט ניט פארלאזן דעם בריק צו דאווענען מנחה, וואלט ער אויך זיכער פארלוירן זיין לעבן.

אין עטלעכע מינוט איז די שיף ארומגעכאפט געווארן פון פלאמען פייער. אלע רעטונגס־שיפלעך זיינען צעשמעטערט געווארן פון דעם עראפלאן.

דער שיפס־קאפיטאן האט באוויזן ארייסצושיקן א הילפס־רוף (S. O. S.). ער האט באפוילן אלע פאסאזשירן אנצוטאן זייערע רעטונגס־העמדלעך און פארזאמלען זיך אויפן אויבערשטן דעק. די מאטראסן און א טייל פאסאזשירן האבן זיך באמיט אויסצולעשן די פייערן, וועלכע האבן געברענט אין פארשיידענע טיילן פון דער שיף. ווען אלע באמיאונגען אויסצולעשן די פלאמען זיינען דורכגעפאלן, האט דער קאפיטאן ארויסגעגעבן א באפעל צו זיין גרייט צו ווארפן זיך אין וואסער.

דער שטורעם אויפן ים איז געווען זייער גרייס. עס וואלט נים מעגלעך געווען צו האלטן זיך אויפן וואסער מער ווי א 5 אדער 10 מינוט. אבער קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען. די פלאמען אויף דער שיף האבן זיך געהאלטן אין אויסשפרייטן...

אין לעצטן מאמענט, ווען די פארצווייפלטע פאסאזשירן האבן שוין געקוקט דעם טויט אין די אויגן, האט זיך באוויזן א קליינע ענגלישע קריגס־שיף, א „קארוועט", וואס האט געטראגן דעם נאמען „פרעזידענט רוזוועלט". די קריגס־שיף, וואס האט פאטרולירט די ענגלישע וואסערן ארום די „פארא־אינזלען", האט זיך צום גליק געפונען ניט ווייט פון דער קאטאסטראפע. האבנדיק אויפגעכאפט דעם פארצווייפלטן הילפס־רוף, האט זי זיך מיט דער פולסטער שנעלקייט געלאזט אין דער ריכטונג פון דער ברענענדיקער שיף.

די ענגלישע מאנשאפט האט זיך פלייסיק גענומען פאר דער רעטונגס־ארבעט. זייערע רעטונגס־שיפלעך, וועלכע זיינען שנעל ארונטערגעלאזן געווארן אין וואסער, האבן ארויפגענומען אלע פאסאזשירן פון דער ברענענדיקער שיף און אריבערגעפירט צו דער קריגס־שיף.

יצחק מיט זיינע עלטערן האבן זיך מיט פרייד ארומגענומען און האבן זיך געהאלזט און געקושט, פונקט ווי די אנדערע פאסאזשירן וועלכע זיינען געראטעוועט געווארן און האבן זיך פאראייניקט מיט זייערע משפחות. אבער יצחק'ס שוועסטער איז ניט געווען צווישן די געראטעוועטע. מיט א שרעקלעכער פארצווייפלונג האבן זיי געזוכט און נאכפרעגן זיך אויף איר. אבער קיינער האט זי ניט געזען.

אין דעם מאמענט האט זיך איבן דעק פון דער ברענענדיקער שיף באוויזן א פינישער מאטראס, א פארשווארצטער און פארדרייכערטער מאשיניסט, וועלכער האט אויף זיינע הענט געטראגן דעם קערפער פון א באוואוסטלאז יונג מיידל. יצחק'ס שוועסטער. ביידע זיינען באלד אריבערגעפירט געווארן אויף דער ענגלישער שיף און מ'האט גענומען אפמינטערן דאס יונגע מיידל. יצחק'ס שוועסטער איז געקומען צו זיך און אין אלעמענס אויגן האבן זיך באוויזן טרערן, טרערן פון פרייד און דאנקבארקייט צום אייבערשטן.

דער נס וואס האט פאסירט מיט יצחק'ס שוועסטער איז געווען ניט קלענער ווי דער נס וואס האט פאסירט מיט יצחק'ן. איר קאבינע איז געווען אויפן אונטערשטן דעק, ניט ווייט פון דער מאשין־קאמער. א באמבע האט איינגעריסן לעבן דער מאשין־קאמער און האט צעשטערט אויך די קאבינע. יצחק'ס שוועסטער איז פון דעם איינרייס געבליבן ליגן אין א באוואוסטלאזן צושטאנד אונטער דער אימגעווארפענער טיר פון דער קאבינע, און וואלט זיכער דערשטיקט געווארן פון רויך. צום גליק האט איינער פון די מאשיניסטן, לויפנדיק פון דער מאשין־קאמער, באמערקט א פוס, וואס האט ארויסגעשטעקט פון דער צוזאמענגעפאלענער קאבינע. ער האט ארויסגעשלעפט דעם באוואוסטלאזן קערפער און געבראכט אויפן דעק, און אזוי ארום געראטעוועט דאס יונגע מיידל פון א זיכערן טויט.

גרויס איז געווען די פרייד פון די געראטעוועטע. יעדער איינער האט געהאט עפעס צו דערציילן ווי אזוי ער איז ניצול געווארן.

„און מיך האט געראטעוועט די מנחה", האט יצחק געזאגט. און ער האט געוואוסט, אז ער וועט שוין קיינמאל אין זיין לעבן ניט פארפעלן צו דאווענען א מנחה.

.2

דער ארט וואו די קאטאסטראפע איז פארגעקומען איז געווען ארום 15 מייל פון די „פעראו״־אינזלען, און אהין האט די ענגלישע קריגס־שיף אפגעפירט די פאסאזשירן, וועלכע זיינען געראטעוועט געווארן פון דער געזונקענער שיף.

די פעראו־אינזלען איז א גרופע פון 18 קליינע, פעלזיקע אינזלען אין צפון־אטלאנטישן אקעאן. זיי געפינען זיך האלב־וועג צווישן דעם שאטלענדישן ברעג פון ענגלאנד און איסלאנדישן אינזל, און ארום 400 מייל פון נארוועגיע.

די באפעלקערונג, וועלכע ציילט היינט ארום 38.000, שטאמט פון די נארוועגישע ים־רייזנדע (די „וויקינג״), וועלכע האבן באזעצט די אינזלען מיט ארום 1200 יאר צוריק. זייער שפראך איז ענלעך צו נארוועגיש און שוועדיש. די וואוינען הויפטזעכלעך בא די פלאכע ברעגן און פארנעמען זיך מיט פישפאנג און פארמעריי. א טייל פון די האדעווען שעפסן. א צוגאב־פרנסה האבן פיל פון זיי אויך פון די ים־פייגל וועלכע קומען דא אין די טויזנטער צו נעסטן אין די פעלזן זומערצייט. דרייסטע יונגוואוג קלעטערן אויף די שארפע פעלזן צו כאפן די פייגל און אויסקלייבן זייערע אייער, זארגנדיק דערביי ניט צו פארניכטן די נעסטן און איבערצולאזן אייער, כדי ניט צו פארניכטן אדער פארטרייבן די פייגל. די פעדערן און פוך פון די פייגל דינען זיי פאר קישנס אוןווארעמע ווינטער־דעקעס.

א צווייג פון דעם גאלף־שטראם , וואס פליסט פארביי דעם שאטלענדישן ברעג, ברענגט ווארעמע לופט אויך צו די דאזיקע אינזלען, און צוזאמען דערמיט אויך פיל וואלקנס און רעגנס. דא רעגנט 200 טעג אין יאר (מיט 60 אינטשעס וואסער).

דער ים ארום די אינזלען איז שטענדיק א שטורמישער; שיפן מיידן זיי אויס. אזוי ארום זיינען די אינזלען פארווארפן און אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. לויט איין מיינונג שטאמט דער נאמען פון די אינזלען פון ענגלישן ווארט „פאר״, „ווייט״, און דאס מיינט — „די ווייטע אינזלען״. לויט אן אנדער מיינונג שטאמט דער נאמען פון סקאנדינאווישן ווארט „פאאר״, „שעפסן״ — די „שעפסן־אינזלען״. ביידע נעמען זיינען צוגעפאסט, ווארום אויף די גרינע פעלדער, בערג און טאלן פאשען זיך שעפסן מיט לאנגע, וואלענע פעלצן, ברוינע, שווארצע און גרויע. די שעפסן גיבן די איינוואוינער פלייש און וואל אויף קליידער.

די אינזלען געהערן צו דענמארק און האבן

זייער אייגענע פארוואלטונג. ווען עס איז אויסגעבראכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און די דייטשן האבן פארכאפט דענמארק, האבן די ענגלענדער פארנומען די פעראו־אינזלען און געגרינדעט דארט א מיליטערישע באזע פאר זייערע קריגסשיפן. די ים־באזע איז געווען סטראטעגיש זייער וויכטיק פאר די ענגלענדער צו באשיצן אירע ברעגן פון דייטשע קריגסשיפן, אונטערוואסער־שיפן און עראפלאנען. גלייכצייטיק זיינען די אינזלען געווארן א וויכטיקער מקור פון שפייז פאר די ענגלענדער אין די מלחמה־יארן. אין יענער צייט, ווען ענגלאנד איז געווען אפגעשניטן דורך דער דייטשער בלאקאדע, איז פיש געווען איינער פון די וויכטיקסטע שפייזן פאר די ענגלענדער. די פעראו־אינזלען האבן צוגעשטעלט 75 פראצענט פון דעם ענגלישן פיש־פארברויך. די ברַאווע פישערלייט פון דעם אינזל האבן געהאט פרנסה בהרחבה, וואס האט זיי דערמעגלעכט צו פארבייטן זייערע אלטמאדישע פישער־שיפלעך אויף מאדערנע. דאס איז זיי אבער נישט לייכט אנגעקומען. זיי האבן אין דער צייט פון דער מלחמה פארלארן א דריטל פון זייערע פישער־שיפן און 160 פישערלייט.

ווען יצחק מיט זיינע עלטערן און שוועסטער זיינען אנגעקומען אין טארסהאוון, די הויפטשטאט וועלכע געפינט זיך אויפן גרעסטן פון די פעראו־אינזלען — „סטריימאי”, זיינען זיי געווען די ערשטע אידן וועלכע האבן באטראטן די דאזיקע „ווייטע אינזלען”. ווייזט אויס, אז די השגחה־עליונה האט געוואלט, אז אויך אויף דעם טייל פון דער ערד זאלן קומען אידן און אויסלייטערן (מטהר זיין) די לופט דורך די הייליקע אותיות פון תורה און תפילה. יצחק און זיינע עלטערן און שוועסטער האבן דאס פארשטאנען, בפרט אז זיי זיינען מיט אזויפיל נסים געראטעוועט געווארן און געבראכט געווארן אין די דאזיקע פארווארפענע אינזלען. זיי האבן געפילט א טיפע דאנקבארקייט צום אויבערשטן און האבן זייער געוואלט אויסדריקן זייערע געפילן אויף א פאסנדן אופן. ליידער אבער זיינען זיי געראטעוועט געווארן ווי זיי גייען און שטייען, בלויז מיט די קליידער וועלכע זיי האבן געטראגן. טלית און תפילין, און די אלע הייליקע ספרים וועלכע זיי האבן מיטגעפירט, זיינען צוזאמען מיט זייערע אנדערע ווערטפולע זאכן געזונקען מיט דער שיף. זייער פרייד מיט זייער ראטונג איז דעריבער געווען אויסגעמישט מיט טרויער און זארג, ווי זיי וועלן דורכמאכן די קומענדיקע טעג און וואכן, און ווער ווייס ווי לאנג, צווישן פרעמדע און אומבאקאנטע מענטשן...

.3

כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון דעם אינזל איז ארויסגעקומען צו באגעגענען די געראטעוועטע פאסאזשירן. די ארטיקע איינוואוינער האבן ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פריינטשאפט צו די ניי־געקומענע, זיי האבן געבראכט שפייז אוןווארעמע דעקעס און קליידער און יעדערער פון זיי האט זייער פריינטלעך איינגעלאדן א געראטעוועטע משפחה צו זיך אהיים.

גלייך בים ארפגיין פון דער שיף האבן יצחק'ס עלטערן באמערקט אן אלטן פישערמאן, וועלכער איז ארומגעגאנגען צווישן די געראטעוועטע, ווי ער וואלט אימיצן געזוכט. דערזעענדיק די אידישע משפחה, האט זיין געזיכט אויסגעשטראלט פון פרייד. ער איז צוגעגאנגען צו יצחק'ס פאטער, אים דערלאנגט די האנט, און ווארעם באגריסט אין זיין מוטער־שפראך. וואס איז געווען ענלעך צו שוועדיש. יצחק'ס פאטער, וועלכער האט געקענט שוועדיש, האט זיך געקענט צוזאמענריידן מיט דעם פישערמאן.

דער פישערמאן האט זיי דערקלערט, אז ער געהערט צו א פרומער קריסטלעכער סעקטע, וועלכע האלט זייער פון תנ"ך. די מיטגלידער פון דער סעקטע זאגן תהלים אלע טאג און גלויבן, אז די אידן זיינען דאס אויסדערוויילטע פאלק, „ג־ט'ס פאלק”, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט. גראדע יענעם פרימארגן, דערציילט ווייטער דער פישערמאן, האט ער געלייענט פסוקים פון תהלים, פון וועלכע ער האט פארשטאנען, אז עס דארפן קומען אידן אויף דעם אינזל. ווען עס האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז א שוועדישע שיף איז געזונקען געווארן נית ווייט פון די אינזלען און די געראטעוועטע פאסאזשירן ווערן געבראכט אין טארסהאוון, האט ער גענומען א לאמטערנע און איז צוזאמען מיט די אנדערע איינוואוינער ארויסגעגאנגען באגעגענען זיי. ער האט פאר זיי צוגעגרייט א גאנצע הויז, און וועט זארגן פאר אלע זייערע באדערפענישן אזוי לאנג ווי זיי וועלן זיין אויף דעם אינזל. ער האלט דאס פאר אן אויסערגעוויינלעכן

זכות, און ער האָט שטאַרק געבעטן יצחק'ס פֿאָטער אָנצונעמען זיין גאַסטפֿריינטלעכקייט.

יצחק'ס פֿאָטער האָט אים האַרציק באַדאַנקט און גערן אָנגענומען זיין איינלאַדונג.

די הויז וואָס דער פֿישערמאַן האָט איבערגעגעבן צו „ג־ט'ס קינדער", ווי ער האָט זיי גערופֿן, איז געווען אַן אַלטע שטיינערנע הויז, ווי אַ סך אַנדערע היזער אויף דעם אינזל, אָבער אַ באַקוועמע און זויבערע. דאָס הויז האָט באַלאַנגט צו זיין ברודער'ס זון, וועלכער איז אַוועק אויף מלחמה און האָט עס איבערגעלאָזט צו אים. ער, דער אַלטער פֿישערמאַן אַליין, איז אַוועק וואוינען ערגעץ אַנדערשוואו און האָט איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע הויז פֿאַר די געסט. אַלץ איז געווען ציכטיק ריין. האָלץ און קוילן איז געווען צוגעגרייט צו הייצן דעם אויוון. אין קעלער האָט ער געהאַט אַ זאַפּאַס מיט געטריקנטע און געראויכערטע שעפּסן־פֿלייש...

ווען ער האָט געהערט פֿון זייערע אידישע געסט, אַז די אידישע דינים דערלויבן זיי צו עסן בלויז אַזעלכע זאַכן וועלכע זיינען כשר, האָט ער אויפֿמערקזאַם אויפֿגענומען אַלע פּרטים. יעדן פֿרימאָרגן איז ער געקומען איינהייצן דעם אויוון. דערביי האָט ער זיי געבראַכט קאַרטאָפֿלעס, שוואַרץ ברויט, פֿרישע פֿיש און הערינג, און נאָך אַזעלכע זאַכן. ער האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט נייע כלים. ווייסנדיק וועגן דער רדיפֿות וואָס עס הערשט דאָ צוליב דער מלחמה, איז ניט לייכט געווען פֿאַר דער אידישער משפּחה אָנצונעמען די גאַסטפֿריינטלעכקייט פֿון דעם אַלטן פֿישערמאַן. אָבער זעענדיק מיט וואָס פֿאַר אַ גוטהאַרציקייט און פֿרייד ער האָט דאָס זיי געגעבן, איז זיי פּשוט געווען שווער אים אָפּצוזאָגן.

די פֿריינטלעכקייט פֿון די איינוואוינער צו די גרויסטע פּאַסאַזשירן איז געווען אומגלויבלעך. דער מאַגיסטראַט האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז ווען אימיצער פֿון די פּליטים וועט וועלן עפּעס קויפֿן אין די געוועלבן, זאָל מען פֿון זיי קיין געלט ניט נעמען. און געבן אומזיסט אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן. טראָץ דעם וואָס עס איז געווען אַ מאַנגל אין פֿאַרשידענע פּראָדוקטן, צוליב דער מלחמה און דער דייטשער בלאָקאַדע, האָבן די איינוואוינער זיך געטיילט מיט די פּליכטלינגע אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט.

מילא, פאַר די אַנדערע פליטים — ס׳רוב פון די פינישע פויערים, וועלכע זיינען געפאַרן זיך באַזעצן אין אַמעריקע — איז די לאַגע געווען בעסער ווי זיי האָבן דערוואַרטעט. זיי האָבן געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ, און האָבן ניט געדאַרפט הונגערן, און זיינען געווען צווישן „אייגענע" און פריינטלעכע פויערים. אָבער פאַר דער אידישער משפחה איז דער מצב געווען אַ גאַנץ טרויעריקער: ניט קיין טלית און ניט קיין תפילין, ניט קיין סידור און ניט קיין חומש. דאָס איז דאָך קיין לעבן ניט! און ווער ווייס, ווי לאַנג מ׳וועט זיך דאַרפן וואַלגערן אויף דעם פאַרוואָרפענעם אינזל?

באַלד צומאָרגנס איז געקומען זיי באַזוכן דער קאָמענדאַנט פון דער ענגלישער באַזע און האָט זיי געפרעגט מיט וואָס ער קען זיי אַרויסהעלפן.

„וואָס ס׳איז שייך אונזערע מאַטעריעלע באַדערפענישן, פעלט אונז גאָרניט", האָט יצחק׳ס פאָטער אים געזאָגט. „אָבער מיר זיינען אידן, און פרומע אידן, און עס פעלט אונז אַלץ וואָס מיר נויטיקן זיך פאַר אונזער גייסטיק לעבן". דערביי האָט יצחק׳ס פאָטער געבעטן דעם קאָמענדאַנט צו טעלעגראַפירן קיין ענגלאַנד און פאַרבינדן זיך מיט דעם הויפט־ראַבינאַט אין לאָנדאָן, און בעטן דרינגענד אַרויסשיקן אַ טלית און אַ פאָר תפילין, אַ סידור, חומש און משניות.

דער קאָמענדאַנט האָט העפלעך צוגעזאָגט צו טעלעגראַפירן, אָבער ער האָט זיי ניט געקענט צוזאָגן, אַז זייער בקשה וועט דערפילט ווערן.

„עס איז מלחמה־צייט... איך דאַרף אייך ניט דערקלערן..." האָט ער זיך פאַרענטפערט.

4.

ראש־חודש ניסן איז געקומען און האָט אָנגעזאָגט, אַז באַלד דאַרף אויך קומען דער ליבער יום־טוב פסח. קיין מצה און וויין, שוין אָפגערעדט פון אַנדערע פסח׳דיקע פראָדוקטן, האָבן זיי ניט געהאַט. זיי זיינען געווען די ערשטע און איינציקע אידישע משפחה אויף די אינזלען. עס איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן.

אַכט טעג פאַר פסח, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַן ענטפער פון דעם ענגלישן קאָמענדאַנט פון די אינזלען, איז יצחק׳ס פאָטער געגאַנגען צו אים אין דער הויפט־קוואַרטיר פון דער באַזע. ער האָט אים געבעטן צו טעלעגראַפירן צו איניקע קהילות, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, שוועדן און אַנדערע לענדער מיט דער בקשה דרינגענד אַרויסצושיקן מצה און אַנדערע פסח׳דיקע פראָדוקטן צו אַן עלנטער און איינזאַמער אידישער משפחה, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זינקענדיקער שיף, בעירום ובחוסר כל.

דער קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט אַרויסצושיקן די ראַדיאָ־טעלעגראַמעס. ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו זאָגן זיי, אַז די אויסזיכטן אויף צו באַקומען שנעלע הילף מעבר־לים זיינען זייער שוואַכע. דערביי האָט ער זיי אַנפאַרטרויט, אַז 95 פראָצענט פון שיפן וועלכע זוכן דורכצורייסן זיך דורך דער דייטשער בלאָקאַדע, ווערן געזונקען פון דייטשע סובמאַרינען אָדער עראָפלאַנען.

עטלעכע טעג פאַר פסח האָט זיי צוגעשפילט דער מזל. יצחק׳ס מוטער איז געלונגען צו באַקומען אַביסל געטריקנטע ראָזשינקעס, וועלכע זי האָט איינגעווייקט אויף וויין פאַר די אַרבע־כוסות. אַביסל קאַרטאָפל און עטלעכע הינער־אייער האָט מען געקענט אָפ־

שפאַרן אויף פסח. און אַזוי האָט מען זיך געזעצט צו אַ כמעט־ליידיקן סדר־טיש, אין אַ טונקעלן צימער, שוואַך באַלויכטן פון אַ קעראָסין־לאָמפּ; די פענצטער געדיכט פאַרהאַנגען, ניט דורכצולאָזן אַ שטראַל פאַר דייטשע אויסשפּיר־עראָפּלאַנען. דער ערשטער סדר איז אויסגעפאַלן פרייטיק צו־נאַכטס.

עס איז טאַקע געווען „זמן חירותנו", דער יום־טוב פון באַפרייאונג פון גלות־מצרים, אָבער אויפן האַרצן איז געווען פינצטער און ביטער. איז מען דען ניט געווען אין אַ ביטערן גלות אין דעם מאָמענט, אין אַ פאַרוואָרפענעם אינזל? און די ווילדע דייטשע חי' אין געשטאַלט פון אַ מענטש האָט זיך געבאָדן אין אידיש בלוט פונקט ווי זיין עלטער־זיידע, דער פרעה מלך מצרים, און נאָך מער.

יצחק און זיינע עלטערן און שוועסטער האָבן זיך באַמיט צו פאַרטרייבן אַלע טרויעריקע געדאַנקען. פאָטער און זון האָבן געמאַכט קידוש אויף דעם ראָזשינקע־ווייַן, און יצחק האָט געפרעגט די „פיר קשיות" אויסנווייניק. טרערן האָבן אים געשטיקט, זאָגנדיק „מה נשתנה", און ווען ער האָט געדאַרפט זאָגן „הלילה הזה כולו מצה", בשעת עס איז ניט געווען אַ ברעקל מצה אויפן טיש, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אויך די אַנדערע באַגאָסן מיט טרערן.

„נו, גענוג, גענוג", האָט זיך דער פאָטער געבעטן. „ס'איז דאָך שבת און יום־טוב! לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דער אויבערשטער האָט יעדן איינעם פון אונז און אונז אַלעמען צוזאַמען געוויזן אויסערגעוויינלעכע נסים און געראַטעוועט אונז פון אַ זיכערן טויט. ער וועט אונז אויך להבא נישט פאַרלאָזן. מיר מוזן זיין שטאַרק אין אונזער בטחון אין דעם אויבערשטן..."

ער האָט גענומען זאָגן די הגדה אויסנווייניק, וואָס ער האָט זיך געקענט דערמאָנען, און ער האָט אויך גענומען דערציילן פאַרשידענע זאַכן וועגן יציאת־מצרים, אַזוי אַז מ'האָט זיך באַלד פאַרגעסן וואו מ'געפינט זיך, און עס האָט זיך אויסגעדוכט אויפן מאָמענט, אַז מ'זיצט באַ שיין־געדעקטן סדר־טיש, מיט די פאַרצווייגטע זילבערנע לייכטער און אַנדערע זילבערוואַרג און קריסטאַל, באַ זיך אין הויז אין העלסינקי...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט די צוריקגעבראַכט צו דער טרויעריקער קעגנוואַרט. יצחק האָט געעפנט די טיר, און עס איז אַריינגעקומען אַ באַאַמטער פון ענגלישן אַדמיראַליטעט. ער האָט העפלעך באַגריסט די אַנוועזנדע און האָט זיי מיטגעטיילט מיט אַן אויפריכטיקער שמחה:

„איך ברענג אייך גוטע נייעס. מאָרגן פרי (דעם 12טן אַפּריל) וועט אַנקומען אַ שוועדישע פאַסאַזשיר־שיף און וועט אויפנעמען אַלע געראַטעוועטע פאַסאַזשירן, און נאָך דעם זעלבן טאָג וועט זי אָפּפאָרן אויפן וועג קיין ריאָ־דע־זשאַנעירא. דאָס האָט די שוועדישע רעגירונג אויסגעפּועל'ט באַ די דייטשן, אַז די שיף זאָל קענען מאַכן די רייזע זיכערערהייט, נעמענדיק אין אַכט אַז שוועדן איז נייטראַל, און די פאַסאַזשירן זיינען בירגער פון נייטראַלע לענדער, ווייל אַלע געראַטעוועטע זיינען דאָך שוועדישע און פינישע בירגער. אָבער אַזוי ווי ענגלאַנד און אַמעריקע זיינען אין קריג מיט דייטשלאַנד, האָט די דייטשע מאַכט ניט געוואָלט דערלויבן די שיף צו פאָרן קיין אַמעריקע. דעריבער וועט איר אַלע דאַרפן פאָרן קיין ריאָ־דע־זשאַנעירא אין בראַזיל. דאָרט וועט איר זיך שוין אַן עצה געבן, ווי צו קומען אין אַמעריקע. עס פרייט מיר זייער אייך איבערצוגעבן די דאָזיקע גוטע נייעס".

דער באַאַמטער האָט זיך פאַרגעזעגנט און געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַוועק.

.5

די נייעס וועגן דער שיף, וואס וועט זיי אויסלייזן פון דעם גלות אויף די פארוואר־פענע אינזלען און ברענגען צווישן אידן, האט אויפן ערשטן מאמענט שטארק דערפרייט די איינזאמע אידישע משפחה'לע. באלד איז אבער יצחק'ס פאטער געווארן ערנסט פאר־טראכט, און אויף זיין געזיכט האט זיך ווי אויסגעשפרייט א שאטן.

„שבת...” האט ער א זאג געגעבן, „שבת קומט די שיף, און שבת פארט זי אפ. שבת... ווי זעצט מען זיך אויף דער שיף אום שבת?” האט ער ארויסגערעדט פארטראכטערהיים.

יצחק, א בר־מצוה בחור וואס האט שוין גוט געוואוסט א דין, האט זיך דערלויבט צו מאכן א באמערקונג:

„טאטע, דערלויב מיר צו זאגן מיין מיינונג, אז דאס איז דאך א פראגע פון פיקוח־נפש?”

„אוודאי, זון מיינער, איז דא אן ענין פון פיקוח־נפש. דא איז א מקום־סכנה; אלע טאג פאלן באמבעס. און מיר האבן אפילו נים קיין שוץ־קעלערן. און ווער ווייס, צי דער דייטש, ימח־שמו, וועט נים אמאל פארכאפן די דא־זיקע אינזלען? אוודאי איז דא פיקוח־נפש. און דאך...”

„וואס מיינסטו — 'און דאך'?” האט די פרוי געפרעגט.

„איך מיין צו זאגן, אז וויבאלד דער אויבערשטער האט אונז געוויזן אזעלכע נסים און חסדים, אפשר איז דאס נאך א נסיון צו זען אויב אונזער בטחון אין דעם אויבערשטן איז באמת שטארק? אט דער געדאנק איז מיר איינגעפאלן, ווען דער באאמטער האט גע־בראכט די ידיעה, אז די שיף קומט אן מארגן, שבת, און פארט אפ דעם זעלבן טאג. איך גלויב טאקע, אז ווען מיר וואלטן איצט גע־קענט פרעגן א שאלה ביי א רב, וואלט ער מסתם גע'פסק'נט, אז על־פי־דין מעגן מיר זיך זעצן אויף דער שיף און אפפארן אום שבת, צוליב פיקוח־נפש. פונדעסטוועגן, האלט איך, אז מיר דארפן ארויסווייזן א ספעציעל שטארקן בטחון אין דעם אויבערשטן פאר די אלע נסים וואס ער האט אונז געוויזן. אבער דאס איז א זאך, וואס איך קען באשליסן נאר פאר זיך אליין, און נים פאר אייך. טא לאמיר אפשטימען: אויב די מערהייט פון אונז איז צו פארן, פארן מיר; אויב צו בלייבן, בלייבן מיר”.

„איך בין גרייט צו בלייבן”, האט די פרוי געזאגט.

„איך אויך”, זאגט יצחק.

„איך אויך”, זאגט די שוועסטער.

„אלזא, מיר זיינען אלע איינשטימיק צו בלייבן. איצט קענען מיר רואיק פארענדיקן אונזער סדר”, האט יצחק'ס פאטער געזאגט.

אויף מארגן איז יצחק'ס פאטער געגאנגען אין אדמיראליטעט, מיטטיילן דעם אדמיראל וועגן זייער באשלוס.

דער אדמיראל איז געווען זייער פארוואונדערט: ער האט אויך ניט באהאלטן זיין אנטוישונג.

„איך האב דעם גרעסטן רעספעקט פאר רעליגיעזע מענטשן", האט ער געזאגט, נאכדעם ווי ער האט געהערט, אז דער באשלוס ניט צו פארן איז פארבונדן מיט א רעליגיעזער איבערצייגונג. „איך שטאם דאך אויך פון א פאלק, וואס האט די גרעסטע פארערונג פאר דער ביבל. איך מוז אבער גאנץ באשטימט ראטן איך, אז איר זאלט אומבאדינגט אויסניצן די געלעגנהייט. די שיף האט א ספעציעלע פארזיכערונג פון די דייטשן צו מאכן איר רייזע. איך ווייס ניט ווען איר וועט האבן נאך אזא געלעגנהייט".

דער אדמיראל האט זיך שטארק באמיט צו ווירקן אויף יצחק'ס פאטער צו ענדערן זיין באשלוס. און כאטש עס איז אים ניט געלונגען, האט ער אויסגעדריקט די האפענונג, אז ביז די שיף וועט אפגיין וועט די אידישע משפחה נאך ענדערן איר באשלוס.

די ניעס, אז די אידישע משפחה פארט ניט מיט דער שיף האט זיך פארשפרייט צווישן די אנדערע געראטעוועטע פאסאזשירן. פיל פון זיי, מיט זייערע פרויען און קינדער, זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע „ברידער אין לײדן", און דערביי געפרואווט צוריידן מיטצופארן. אבער זייערע רייד זיינען געווען אומזיסט.

די שוועדישע שיף איז טאקע באלד געקומען — א שיינע לוקסוס־שיף מיט אלע באקוועמלעכקייטן. די געראטעוועטע פאסאזשירן זיינען מיט גרויס פרייד ארויף אויף דער שיף, באגלייט פון די ארטיקע איינוואוינער. די שיף האט געווארט אין האפן איבעריקע צוויי שעה, אפשר וועט די אידישע משפחה פארט לאזן זיך איבערצייגן און מיטפארן. אבער ענדלעך איז די שיף אפגעפארן אן זיי.

.6

יצחק און די משפחה זיינען געבליבן אויפן אינזל. אויפן דריטן טאג איז אנגעקומען א פעקל מיט מצה און פסח'דיקע פראדוקטן פון דובלין, אירלאנד, און האט זיי שטארק דערפרייט.

פסח איז אריבער, און די עלנטע משפחה האט ווייטער געציילט די טעג און וואכן זינט די זיינען פארוואגלט געווארן אין דעם פארווארפענעם אינזל. אזוי זיינען לאנגזאם און לאנגווייליק דורכגעגאנגען גאנצע 40 טעג.

אויף דעם 41טן טאג איז אומדערווארטעט געקומען די ישועה. די ענגלענדער האבן ניט ווייט פונעם אינזל אפגעשטעלט א פינלענדישע פראכט־שיף, וואס האט געפירט פוך און פעדערן פון מורמאנסק קיין ניו־יארק, און געהייסן דעם קאפיטאן אריינפארן אין האפן אויף א קאנטראל. איידער דער אדמיראל האט דערלויבט די שיף צו פארזעצן איר רייזע, האט ער געפאדערט פון קאפיטאן, אז ער זאל מיטנעמען די אידישע משפחה. צוערשט האט דער קאפיטאן ניט געוואלט אויפנעמען די פאסאזשירן, אבער ער האט באקומען אן אולטימאטום: אן די פיר פאסאזשירן, באקומט ער ניט קיין דערלויבעניש ארויסצופארן. דער קאפיטאן האט געמוזט נאכגעבן.

ענדלעך האט זיך געענדיקט דער גלות אין די פארא־אינזלען, און יצחק מיט זיינע עלטערן און שוועסטער זיינען שוין מיט מזל געפארן קיין ניו־יארק.

זיי זיינען אפגעפארן ניט ווייט פון די פארא־אינזלען, ווען עס האט זיך באוויזן דער פעריסקאפ פון א דייטשער סובמארין. א געפערלעכע קאטאסטראפע האט אויסגעזען אומפארמיידלעך, אזוי ווי די סובמארין האט זיך געגרייט אריינצושיסן א טארפעדא אין דער שוצלאזער שיף. א טויט־שרעק האט ארומגעכאפט דעם קאפיטאן און מאטראסן, וועלכע האבן זיך גענומען גרייטן אויף דאס ערגסטע. יצחק און זיינע עלטערן און שוועסטער האבן געשעפטשעט תפילות צו דעם אויבערשטן.

פלוצלונג האט זיך די סובמארין אומגעדרייט און האט זיך גענומען דערווייטערן פון זיי. דאן האבן זיי באמערקט אויפן האריזאנט א גרויסע ענגלישע שיף. די דייטשע סובמארין האט ווייזט אויס שוין פריער באמערקט די שיף און האט זיך געלאזט יאגן נאך איר. דער קאפיטאן פון דער פינלענדישער פראכט־שיף האט געגעבן א באפעל צו לאזן אין גאנג די גאנצע טרייבס־קראפט פון דער שיף, און זיי האבן זיך שנעל אפגעטראגן פון יענעם ארט. די געפאר איז אריבער.

די ווייטערדיקע רייזע איז דורכגעגאנגען בשלום און צען טעג שפעטער איז די שיף אנגעקומען אין ניו־יארקער האפן.

יצחק און זיינע עלטערן און שוועסטער זיינען געבראכט געווארן אין עליס־איילאנד. זיי האבן ניט געהאט קיינע פעסער און קיינע

פאפירן, אזוי ווי אלץ וואס זיי האבן געהאט איז געזונקען מיט דער ערשטער שיף אויף וועלכער זיי זיינען ארויסגעפארן. די אמעריקאנער באאמטע האבן זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דעם אמעריקאנער קאנסול אין העלסינקי. צו באקומען קאפיעס פון די דאקומענטן. דערווייל זיינען די נייע אימיגראנטן געזעסן אין עליס־איילאנד. באאמטע פון „היאס" און „דזשאינט" האבן אינטערוועניערט פאר זיי. און זייערע ליובאוויטשער פריינט אין ניו־יארק האבן געזארגט, אז עס זאל זיי גארנישט פעלן, אין פארגלייך צו די פארא־אינזלען, איז דער „טרערן־אינזל" אין ניו־יארקער האפן געווען ווי א „גן־עדן".

אינצווישן, ווען עס איז געווארן באקאנט, אז א משפחה פון פינלאנד, וואס איז געראטעוועט געווארן פון א געזונקענער שיף, איז אנגעקומען אין עליס־איילאנד, האבן גענומען קומען אלע סאג פינלענדישע אמעריקאנער נאכפרעגן זיך אויף זייערע קרובים, וועלכע זיינען ארויסגעפארן צוזאמען מיט דער אידישער משפחה פון פעטסאמא.

איצט האט זיך די ניי־אנגעקומענע משפחה דערוואוסט וועגן דעם אומגליק וואס האט פאסירט מיט יענער שוועדישער לוקסוס־שיף, וואס איז ארויסגעפארן שבת פון די פארא־אינזלען. זי האט געזאלט אנקומען אין ריא־דע־זשאנעירא ענדע אפריל. ס'איז שוין געווען ענדע מאי, און די שיף איז נים אנגעקומען א דייטשע סובמארין האט זי געזונקען אויפן וועג. טראץ דעם וואס די דייטשע מאכט האט איר צוגעזאגט א זיכערע רייזע. אלע אירע פאסאזשירן זיינען אומגעקומען.

נאכן אפזיין 18 טעג אויף עליס־איילאנד, האט מען די ניי־געקומענע אידישע משפחה פון פינלאנד ארויסגעלאזט אלס נייע אימיגראנטן אין דער „נייער וועלט".

ווען זיי זיינען אריין אויף „יחידות" צום פריערדיקן ליובאוויטשער רבי'ן, רבי יוסף יצחק זצ"ל, און האבן אים דערציילט אלץ וואס עס האט מיט זיי פאסירט, האט דער רבי אויפגעהויבן די הענט און האט מיט טיף־רירנדיקע ווערטער געזאגט, אז די ג־טלעכע השגחה פרטית האט זיי געראטעוועט דורך נסים גלוים, מערערע מאל. נים נאר פאר דעם שטארקן בטחון אין דעם אויבערשטן וואס זיי האבן ארויסגעוויזן, נאר אויך דערפאר וואס זיי דארפן נאך פיל אויפטאן אין זייער נייעם היימלאנד, דא אין אמעריקע; צו פארשפרייטן דא די אלע אידעאלן און די אייביקע ווערטן פאר וועלכע זיי האבן זיך מוסר־נפש געווען אין דער „אלטער היים".

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

לכ"ק אדמו"ר נשיא דורינו

לזכות

הת' אהרן מאיר שי' נמס

לרגל הגיעו לגיל המצוות

יום שלישי שהוכפל בו כי טוב

יום ראשון דחג הסוכות, ט"ו תשרי

הי' תהא שנת סגולות בכל

ולזכות הוריו

הרה"ת ר' מנחם מענדל וזוגתו מרת עטיל שיחיו

*

ולזכות אחותו פעסיא לאה שתחי'

נמס

לאורך ימים ושנים טובות

ולזכות זקניו

הרה"ת ר' יצחק וזוגתו זלדה שיחיו נמס

הרה"ת ר' יהושע שי' ליפש

לאורך ימים ושנים טובות